ב"ה

# אין ליכט

# פון תורה

ספר

# קב הישר

# פנחס

אידיש

**841**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק פא-פב

## • פנחס •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

פאַרוואָס די ערד איז געשאָלטן געוואָרן צוליב דעם זינד פון אדם הראשון. אויב די מוטער איז ערליך, זענען אירע קינדער צדיקים. פשט אין פסוק "כרחם אב על בנים". - דער וואָס שמדיט זיך רח"ל, איז אַ סימן אַז ער איז נישט מזרע ישראל. - אַ מעשה דערויף פונעם רמב"ן ז"ל. - די פרוי זאָל נישט רחמנות האָבן אויף די קינדער ווען דער מלמד אָדער איר מאַן שלאָגט זיי, און אַ ראיה דערויף פון בת שבע.

די פיר זכותים פאַר גאולת מצרים, און אויך פאַר די גאולה העתידה. - די וויכטיקייט פון צניעות ביי די פרוי, און די שענדליכקייט פון אָנטוהן זיך אַזוי ווי די גוים. - נישט צו רעדן די שפּראַך פון די גוים. - דער מענטש דאַרף זעהן נישט מעכב צו זיין די גאולה.

בס"ד

# אוצר של בטחון — מצות הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש** (סוטה יא:)**, בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פי פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים,** שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

העצה הוא: ללמוד ולומר ולהכנים בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה' שהוא מצווה תמידית בכל רגע, כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנים בלבנו בטחון ואמונה בה', עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

1) אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה (תהלים פד, ה).
2) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה' (שם לא).
3) אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלוקיו (שם קמד, טו).
4) ה' צבקות עמנו משגב לנו אלקי יעקב סלה (שם מו, ז).
5) ה' צבקות אשרי אדם בוטח בך (שם פד, יג).
6) ה' הושיעה המלך יעננו ביום קראנו (שם כ, י).
7) אתה סתר לי מצר תצרינו, רני פלט תסובבנו סלה (שם לב, ז).
8) דום לה' והתחולל לו, אל תתחר במצליח דרכו באיש עושה מזימות (שם,ג, ד).
9) ה' אלקי בך חסיתי הושיענו מכל רודפי והצילנו (שם ז, ב).
10) ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך, אשירה לה' כי גמל עלי (שם יג, ו).

11) **הבוטח בשם יתברך ידע כי הסיבות כלם אצל השם יתברך שוות, יתן לו כמה שירצה ובעת שירצה מאיזה ענין שירצה** (חו"ה שער הבטחון פ"ג).

11) **לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית,** ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות — **וזה יסוד כל התורה כולה** (אור"ח להרא"ש).

12) כל התולה בטחונו בקדוש ברוך הוא, הרי לו מחסה בעולם הזה ולעולם הבא. (מנחות כט, א').

13) התחבר עם האמונה והדבק בה, שהיא כוללת כל תרי"ג מצות, כמו שאמרו (מכות כג) בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר (חבקוק ב, ד') "וצדיק באמונתו יחיה" (רמב"ן האמ' והב').

# אינהאלט
## פון פרקים פ"א - פ"ב


א. אין פרק פ"א ווערט דערקלערט: די תוצאות פונעם חטא עץ הדעת ........ ה

ב. פארוואס ווען איינער האט א שלעכט קינד שעלט מען די מאמע און נישט דעם טאטען ........ ה

ג. ווי אזוי א קינד גייט ארויס לתרבות רעה ח"ו דורך די מוטער ........ ו

ד. וואויל איז דעם פאָטער און מוטער וואָס זענען מדריך זייערע קינדער אין דעם גוטן וועג ........ ו

ה. אין פרק פ"ב ווער דערקלערט: די פיר זכותים פאַר גאולת מצרים, און אויך פאַר די גאולה העתידה. - די וויכטיקייט פון צניעות ביי די פרוי, און די שענדליכקייט פון אָנטוהן זיך אַזוי ווי די גוים. - נישט צו רעדן די שפראַך פון די גוים. דער מענטש דאַרף זעהן נישט מעכב צו זיין די גאולה ........ ח

ו. די לעצטע גאולה וועט אויך זיין בזכות נשים צדקניות ........ ח

ז. גיין בצניעות און נישט פריצות'דיג ........ ט

ח. בלויז איינער פון טויזענט מענטשן האָבן אמת'דיג בטחון אין השם יתברך ........ י

ט. די וואָס האָבן בטחון אין השי"ת - די קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש ........ י

י. אין זכות פון די פיר זאַכן וועט זיין די גאולה במהרה אמן ........ י

# על ידי שיראת ה׳ היא אוצרו,
# על ידי זה התורה
# נקראת תורת ה׳

וזהו ג״כ ענין מארז״ל פ״ב דשבת דף ל״א סע״א, קבעת עתים לתורה כו׳ פלפלת בחכמה כו׳, ואפילו הכי **אי יראת ה׳ היא אוצרו אין, אי לא לא**. משל לאדם שאמר לשלוחו העלה לי כור חיטין לעליה, הלך והעלה לו, אמר ליה, **עירבת לי בהן קב חומטין, אמר ליה, לאו, א״ל, מוטב שלא העליתה**. והענין, כי **חטה הוא כ״ב אתוון דאורייתא** . . **וקב חוטמין** פרש״י ארץ מלחה, **והוא ענין ולא תשבית מלח כו׳**. וזהו שנזכר עירבת לי בהן קב חומטין, דתיבת לי מיותר, אלא דר״ל שע״י **שיראת ה׳ היא אוצרו אזי התורה והחטים הם לי, ונק׳ תורת ה׳** . . משא״כ תורה בלא יראה כו׳.

(לקוטי תורה לבעל התניא דף ו׳ טור א׳)

# פרק פ״א

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די תוצאות פונעם חטא עץ הדעת

**א. איתא במ״ר,** עס שטייט אין מדרש רבה אַז אדם הראשון האָט געזינדיגט דערמיט וואָס ער האָט געגעסן פון דעם עץ הדעת, איז פאַרשאָלטן געוואָרן דער נחש און חוה, און די ערד איז אויך פאַרשאָלטן געוואָרן איבער דעם אדם הראשון, ווייל אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן, פון ערד. דערפאַר איז די ערד פאַרשאָלטן געוואָרן, איבער זיין זינד. דאָס איז אַ משל צו אַ קינד וואָס איז אַרויס געגאַנגען לתרבות רעה, שעלטן די לייט די בריסטן און זיי זאָגען פאַרשאָלטן זאָל ווערן די בריסטן וואָס דאָס קינד האָט פון זיי געזייגט.

## פארוואס ווען איינער האט א שלעכט קינד שעלט מען די מאמע און נישט דעם טאטען

**ב. וזהו הבריות,** און דערפאַר שעלטן די מענטשן די בריסט וואָס דאָס קינד האָט פון זיי געזייגט און שעלטן נישט זיין פאָטער, ווייל דאָס איז אַ גרויסער כלל, אַז יעדע פרו וואָס איז א צנועה אין אירע מעשים און אין אירע מחשבות, איז זי זוכה אַז נביאים און חסידים און פרומע לייט וואָס טוען מעשים טובים ווען פון איר ארויסקומען, און איין ראיה איז דערצו פון תמר. און יעדע פרוי וואָס איז נישט קיין צנועה אין אירע מעשים און אירע מחשבות דאַן געראָטן די קינדער אין איר. כי רחילא בתר רחילא אזלא, ווייל דאָס קליינע שעפעלע געראָט אין איר מוטער די גרויסע שאָף, און דערפאַר שטייט אין די תורה (תהלים קג, יג) ״כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים״, אַזוי ווי אַ פאָטער איז זיך מרחם אויף זיינע קינדער און עס שטייט נישט ״כְּרַחֵם אֵם עַל בָּנִים״, ווייל די טבע פון אַ מאַן וואָס האָט ליב זיין זון שטראָפט ער

אים ער זאָל גוט זיין, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי יג, כד) ״חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ״, דער וואָס פאַרמיידט זיין רוט פון שטראָפן מיט איר זיין זון דער האָט פיינט זיין זון, ״וְאוֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר״. אָבער דער וואָס האָט אים ליב דער פאָרשט אים מיט שטראָף און שלאָגט אים און מאַכט אים אַ מורא כדי ער זאָל פרום זיין.

## ווי אזוי א קינד גייט ארויס לתרבות רעה ח״ו דורך די מוטער

**ג. מה שאין כאן האשה,** אָבער די אשה האָט איין ווייך האַרץ און וויל נישט אַז דער פאָטער אָדער דער מלמד זאָל שלאָגען איר קינד, און בשעת דאָס קינד איז קליין גיט זי אים וואָס זיין האַרץ גלוסט און וואָס ער וויל און דערנאָך אַז ער ווערט גרויס טוט ער אַלעס לויט זיין געוואוינהייט, און דורך דעם גייט ער אַרויס לתרבות רעה און דאָס איז אַלץ גורם די מוטער. דערפאַר שעלטן די מענטשן די מוטער און נישט דעם פאָטער, ווייל אַלעס ווענדט זיך אין די מוטער, ווייל אַמאָל האָט אַ רשע אַ פרוי אַ צנועה האָט ער גוטע קינדער, און אָפט איז פאַרהאַן אַ צדיק וואָס האָט אַ שלעכטע פרוי האָט ער שלעכטע קינדער. דערפאַר דאַרף יעדע פרוי זען מדריך צו זיין אירע קינדער אין דעם גוטן וועג און זאָל איר נישט פאַרדריסן אַז דער מלמד אָדער איר מאַן שלאָגען די קינדער.

## וואויל איז דעם פאָטער און מוטער וואָס זענען מדריך זייערע קינדער אין דעם גוטן וועג

**ד. ודע שהכל,** און יעדע פרוי דאַרף זיך נעמען אַ ראיה פון בת שבע די ווייב פון דוד המלך עליו השלום, די מוטער פון שלמה המלך עליו השלום, דאָס זי אַליין האָט געשלאָגען איר זון שלמה בשעת ער איז שוין געווען אַ מלך און האָט אַמאָל געשלאָפן דריי שעה אויף דעם טאָג, און די שליסל פון דעם בית המקדש זענען געלעגן ביי אים צו קאָפּן און קיין מלך טאָר מען נישט וועקן דערפאַר

האָט דער עולם נישט געקענט קומען אין בית המקדש אַריין, ביז ער איז אויפגעשטאַנען. האָט זיין מוטער בת שבע אים געשלאָגען דערפאַר, און ווייל דער פאָטער און מוטער וואָס זענען מדריך זייערע קינדער אין דעם גוטן וועג, און דעמאָלטס וועלן זיי זוכה זיין און זיי וועלן זיך פרייען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק פ״ב

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די פיר זכותים פאַר גאולת מצרים, און אויך פאַר די גאולה העתידה. - די וויכטיגקייט פון צניעות ביי די פרוי, און די שענדליכקייט פון אָנטוהן זיך אַזוי ווי די גוים. - נישט צו רעדן די שפּראַך פון די גוים.**

**דער מענטש דאַרף זעהן נישט מעכב צו זיין די גאולה.**

**א. אמרו רבותינו זכרונם לברכה,** אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט וועגן פיר זאַכן זענען אונזערע עלטערן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים:

א) בזכות נשים צדקניות.

ב) די אידן האָבן זייערע נעמען נישט משנה געווען.

ג) זיי האָבן נישט פאַרטוישט זייער שפּראַך, נאָר גערעדט לשון הקודש.

ד) זיי האָבן געהאַט בטחון אין השם יתברך.

**די לעצטע גאולה וועט אויך זיין בזכות נשים צדקניות**

**וא״כ,** און אַזוי ווי די גאולה ראשונה איז געווען, אַזוי וועט אויך זיין די לעצטע גאולה בזכות נשים צדקניות. דערפאַר דאַרפן די פרויען מער צנועות זיין פון די מענער, און זאָלן נישט גיין נאָך די גלוסטונג פון זייער האַרץ, מיט זייערע מלבושים, ווייל זיי מאַכן שטרויכלען מענטשען, דורכ׳ן קוקן אויף זיי, וועגן זייערע שיינע קליידער און צירונג וואָס זיי גייען.

**והם,** זיי פאַרמערן נאָך צו זינדיגן און זיי גייען מיט אַ אויסגעשטרעקטן האַלז, און נאַקעט, ווער קען דערציילן זייער גרויסע שטראָף.

**גם,** אויך טוען זיי שלעכט׳ס צו זייערע מענער, דער וואָס פאַרמאָגט

נישט געגוג, אויסצוקליידן זיין ווייב אַזוי ווי איר חבר'טע גייט אָנגעטוהן, טוהט די פרוי שעלטן און וויינען, ביז איר מאַן מוז באָרגן אָדער טאָן עפּעס אַן אַנדער איסור מיט זיין חבר'ס געלט, כדי ער זאָל אויך קענען מאַכן פאַר זיין ווייב אַזעלכע שיינע קליידער אַזוי ווי די אַנדערע פרוי גייט, און דערנאָך ווען ער האָט נישט צו באַצאָלן, קומט ער צו חרפות און בושות דורך דעם.

## גיין בצניעות און נישט פריצות'דיג

**ע"כ,** וועגן דעם דאַרף יעדע ערליכע צניעות'דיגע אידישע פרוי גיין בצניעות און נישט פריצות'דיג, כדי זי זאָל זוכה זיין, אַז פון איר וועט אַרויס קומען נביאים און חסידים.

**ב. והזכות,** דער דריטער זכות וואָס אונזער עלטערן זענען דורך דעם אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, איז געווען, ווייל זיי האָבן נישט פאַרטוישט זייער שפּראַך, דאָס מיינט לשון הקודש. און איך האָב געזען אַ גרויסע שטרויכלונג וואָס אַסאַך מענטשן טוען נישט ריכטיג. דען מיר האָבן אַ קיימא לן אַז דער מענטש מוז לערנען מיט זיינע קליינע קינדער לשון הקודש, ווייל דער זון זאָל זיך צוגעוואוינען אין לשון הקודש, און עס זענען פאַראַן פיל מענטשן וואָס זיי לאָזן לערנען זייערע קליינע קינדער צו רעדן נאָר פראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן, און אַז דאָס קינד ווערט גרויס, גיט זיין פאָטער נישט אַכטונג אַז ער זאָל גיין אין בית המדרש אַריין דאַווענען און לערנען, נאָר זיין השגחה איז נאָר ער זאָל גיין לערנען פראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן.

**אַף,** און כאָטש די סנהדרין האָבן דאָך געקענט אַלע זיבעציג שפּראַכן, האָבן זיי דאָך דאָס אוודאי געמוזט לערנען, זיי האָבען אָבער דער עיקר געלערנט די תורה. אָבער יעצט טוען זיי פאַרקערט, דאָס דער עיקר לערנען זיי די שפּראַכן (פראַנצויזיש), און אַמאָל לערנען זיי די תורה

## בלויז איינער פון טויזענט מענטשן האָבן אמת׳דיג בטחון אין השם יתברך

**ג. הזכות,** דער פערדער זכות, וואָס די אידן זענען דורך דעם אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, איז געווען, ווייל זיי האָבן געהאַט בטחון אין השם יתברך, און יעצט זעה איך בעוונותינו הרבים, אַז עס איז דא איין מענטש פון טויזענט, וואָס האָט בטחון אויף השם יתברך, אָבער רוב וועלט הענגען אָן זייער בטחון אַלעס אין געלט און אויף מענטשן וואָס דאָס קען גאָרנישט העלפן, און די סיבה דערצו איז, וואָס די אָרימע לייט זענען בתכלית השפלות און די עשירים זענען מצליח, און דערפאַר האָט קיינער נישט קיין בטחון אין ה׳ יתברך. נאָר די מענטשן וואָס חנפ׳ענען זענען זיך מתגבר, דאָס זיי הענגען אָן זייער בטחון אין די רייכע מענטשן. מכל שכן דערמאָנען זיי נישט דעם חורבן בית המקדש, און קיינער נעמט נישט אויף זיין האַרץ דערויף מתפלל צו זיין.

## די וואָס האָבן בטחון אין השי״ת - די קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש

**ואילו,** אָבער ווען ער זאָל טאָן זיין בטחון אויף השי״ת, וואָלט שטענדיג געוועזן קעגן זיינע אויגן צו קלאָגן אויף דעם חורבן פון בית המקדש, דעריבער מוז דער מענטש זעהן, **אַז ער זאָל נישט צוריקהאַלטן די גאולה, און האָבן בטחון אין השי״ת.**

## אין זכות פון די פיר זאַכן וועט זיין די גאולה ב״ב אמן

**וכל,** און דער וואָס איז געוואָרענט אין די פיר אויבענדערמאַנטע זאַכן וואָס דורך זיי זענען אונזערע עלטערן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, וועט ער זוכה זיין צו צואיילן און דערנענטערן אונזער אויסלייזונג, ווייל אין זכות פון די פיר זאַכן וועט זיין די גאולה במהרה בימינו אמן.